# א גריס פון
# בית פיגא

**פרשת ויצא**

**יב' כסלו תשפ"א**

**יאר 1 גליון 2**

## מעשה פון א צדיק

**עס איז געווען א איד וואס האט געארבעט פאר א גרויסע וויין סוחר, וואס האט פארקויפט אונגארישע וויין, א גאר גוטע טייערע וויין. איין טאג איז ער צוגעגאנגען צו זיין בעל הבית און אים געפרעגט "איך ארבעט פאר דיך שוין א לאנגע צייט זייער געטריי אפשר קען איך קאסטן פון די טייערע אונגארישע וויין?" זיין בעל הבית האט מסכים געווען. א שטיק צייט שפעטער איז דער מענטש געווען אין א קרעטשמע און געהערט ווי צוויי מענטשן שמועסן איינער זאגט פארן צווייטן, "איך האב געקויפט טייערע אונגארישע וויין, אזא גוטע וויין האסטו אין דיין לעבן נאכנישט געטרינקען." דער מענטש וואס האט געהערט די שמועס איז צוגעגאנגען צו זיי און געפרעגט אויב ער מעג האבן אביסל, און ער האט אים געגעבן, ער קאסט עס, און זאגט "דאס איז נישט קיין אונגארישע וויין, איך האב שוין געטרינקען עכטע אונגארישע וויין." די צוויי מענטשן האבן אים אויסגעלאכט, אבער ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט ווייל ער האט געוואוסט וואס אונגערישע וויין איז באמת. די רבי האט פארציילט די משל, איינער וואס האט שוין געטרינקען אונגארישע וויין, די הייליגֿע רבי'ס עצות, אים קען מען נישט אפנארן.**

## אבריוו פון די ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום ג' פרשת ויצא, ח' כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד תלמידות בית פיגא שתחיו.

עס וועט נישט נעמען לאנג און איר וועט אלע ווערן כלות און חתונה האבן; דעמאלט הייבט זיך אן א נייע געשיכטע אין לעבן, דעמאלט הייבט זיך אן דער ריכטיגער לעבן. מען האט קינדער און מען דארף זיי ערציען, ווען די קינדער ווערן עלטער וויל מען זיי זאלן וואקסן ערליך.

נעמט די צוזאג פון רבי'ן, דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; אז איר וועט אכטונג געבן אויף צניעות, איר וועט רעדן איידל, זיך פירן איידל און גיין אנגעטון איידל און באשיידן - וועט איר אלע האבן גוטע ערליכע קינדער.

אסאך מאל האט מען א נסיון, עס איז שווער; מען וויל גיין אנגעטון נישט איידל, אבער אויב מען שטארקט זיך און מען טוט זיך אן נאר איידל איז מען זוכה צו בנים צדיקים.

איך האף איר וועט מיר אויסהערן, איך האף צום אייבערשטן אז מיינע ווערטער וועלן אריין גיין אין ענקער הארץ.

א גוט שבת.

יואל ראטה

**א גוט שבת!**

**זמן שבת: 4:15**

**זמן מוצש"ק: 5:43**



# מעשיות פון תפילה

## חמי זעליקאוויטש:

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין זייער פרייליך, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין זייער פרייליך!



ערשטע קלאס

## גאנץ צווייטע קלאס:

אונז האבן שוין זייער לאנג געבעטן די אייבערשטער אז מען זאל שוין אנהייבן נייען, און ש'כח אייבערשטער אז מען האט מיטוואך אנגעהויבן צו נייען!



צווייטע קלאס

## גאנץ פערדע קלאס:

אונז האבן געבעטן די אייבערשטער אז די ראש ישיבה זאל קומען געבן א שיעור פאר אונזער קלאס, און ש'כח אייבערשטער אז די ראש ישיבה איז געקומען מיטוואך צופרי און געגעבן א שיינע שיעור פאר אונזער קלאס!



פערטע קלאס

## זיסי קליין:

איך האב געקויפט א סענדוויטש, און געווענליך ווען איך קויף איינס איז עס פארברענט, אין עס האט זייער וויייניג פוטער, די מאל האב איך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט זיין פארברענט, און עס זאל האבן אסאך פוטער און ש'כח אייבערשטער עס איז געווען פונקט ווי איך האב ליב!



עלטסטע קלאס

## נייעס אין בית פיגא:

~די וואך וועט אי"ה פארקומען די לאנג ערווארטע שבת התוועדות און שטעטל פאר אלע בית פיגא תלמידות! נישט נאר וואס זיצן דא אין סקול, נאר אויך תלמידות פון איבער די גאנצע וועלט וואס האלטן מיט די שיעורים אויפן טעלעפאן

~ ווער עס האט קליידער אוועקצוגעבן קען עס ברענגען צו סקול פאר די באזאר. מען זאל נאר ברענגען שיינע נישט צוריסענע קליידער, וויל די רבי לאזט נישט ג'יין אנגעטון צוריסן.

~ די וואך האבן צווייטע און פערדע קלאס אנגעהויבן צו נייען!